# דער ערשטער בריוו פון דעם שליח פּוילוס
## צו די קאָרינטער

1 פּוילוס, אַ באַרופענער שליח פונם משיח ישוע,
דורך ג־טס רצון, און סאָסטענעס, דער ברודער,
2 צו דער קהלה פון ג־ט, וועלכע איז אין קאָרינט,
צו די געהייליקטע אינם משיח ישוע, צו די באַרופענע
קדושים, צוזאַמען מיט אַלע, וואָס רופן אָן דעם
נאָמען פון אונדזער האַר ישוע המשיח אויף יעדן
3 אָרט, זייער (האַר) און אונדזערער: חסד צו אייך און
שלום פון ג־ט, אונדזער פאָטער, און פון דעם האַר
ישוע המשיח.
4 איך דאַנק ג־ט תמיד פאַר אייך, פאַר דעם חסד
פון ג־ט, וואָס איז אייך געגעבן געוואָרן אינם משיח
5 ישוע; אַז אין אַלעם זענט איר רייך געוואָרן אין
6 אים, אין יעדן וואָרט און אין יעדן וויסן; לויט ווי
דאָס עדות־זאָגן פונם משיח האָט זיך געגרונטפעסט־
7 טיקט אין אייך; אַזוי, אַז איר זענט נישט הינטער־
שטעליק געבליבן אין קיין שום מתנה; וואַרטנדיק
אויף דער אַנטפּלעקונג פונם האַר אונדזערן ישוע
8 המשיח, וועלכער וועט אייך אויך גרונטפעסט־
טיקן ביז צו סוף, (כדי איר זאָלט זיין) אומשולדיק
9 אין דעם טאָג פון אונדזער האַר ישוע המשיח. יאָ, ג־ט
איז געטריי, דורך וועמען איר זענט גערופן געוואָרן
צו דער חברותאשאַפט פון זיין זון ישוע המשיח
דעם האַר אונדזערן:
10 איך בעט אייך אָבער, ברידער, דורך דעם נאָמען
פון אונדזער האַר ישוע המשיח, אַז איר זאָלט אַלע
רעדן (איינס און) דאָס זעלביקע, און אַז עס זאָלן